באַשטייערט דיך פאַרן קרן־הישוב קאַמפּיין!

# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און ארגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א״ג פרידנזאָן

ב״ה, לאָדזש־וואַרשע־קראָקע | אדר תרצ״ד | נומער 113 | עלפטער יאָרגאַנג

יהודה לייב ארלעאן

## די קונסט פון שווייגן

בלל דעם גאַנצן דעספאטיזים פונים קיניג אחשורוש, האבן דאך זיינע אונטער־
טעניקע פעלקער גינאסן פון פולער נאַציאנאַל־קולטורעלער אויטא־
נאמיע. פאליטיש זענין זיי טאַקע גיוועזן גיצוואונגין צו שטיין אונטער דעם
פערסישן איבער־הערשער. מיטן שטייערן־געלט האבן זיי טאַקע גידאַרפט אָנ־
פולן די פערסישע מלוכה־אוצרות. דערפאַר האבן זיי אבער גיקאנט אום גי־
שטערט דערהאַלטן זייערע פאלקס־מנהגים, רעדן אויף זייער שפראַך און פלעגן
זייער נאַציאנאַלער קולטור. דער קיניג האט דאָס נישט בלויז טאָלערירט, נאר
אַליין אויך אונטערגישטיצט. זיינע דעקרעטן האבן גימוזט דערשיינען אין אַלע
שפראַכן און שריפטן, וואָס זענין נאר אומגיגאַנגין אין זיין גרויסער אימפעריע.
זייער אימפאזאַנט האט, ביי אַזאַ הערשאפטס־סיסטעם, גימוזט אויסזעען די
הויפט־שטאָט אין די טעג פון די קיניגלעכע פייערונגין. אין אונדזער פאַנטאַזיע
וואלטן מיר זיך גיקאנט אויסמאָלן א פול בילד פונים הערלעכן פאַראַד, וואָס
די אונטערטעניקע פעלקער האבן איינגיארדנט לכבוד זייער הערשער.
איבער די שושנער גאַסן ציען לאַנגע רייען פון קאַראַוואַנין. רעדער־וואָגנס,
עקוויפאַזשן, אייזלין און קעמלין, וואָס זענין באַצירט מיט פאַרשידן פאַרביקע
פענער און קרענץ. זיי פירן עס די סאַטראַפּן, פאשאָס, ריכטער, שייכן און
נאטאַבעלן פון אַלע פעלקער, וואָס זענין נאר איינגיגלידערט גיווארן אינים
פערסישן רייך, אויף די גרויסע שטאָט־פלעצער זענין אויסגישטעלט די שענ־
צטע מוסטערן פאַר אַלערליי אויסארביטונגין און נאַטור־מערקווירדיקייטן, וואָס
יעדיס פאלק האט צוגישיקט: שמעקנדיקע קרייטעכצער, אַראַביש גאלד, איראַ־
קישע שטיינער, אַרמענישע רעדער־וואָגנס, טירישער אייל, לוקסוס־אַרטיקע
גיוועָרן און אויסשניצונגין פון בבל און מצרים.
פיל שענער און רייכער האט זיכער אויסגיזעען דער קיניגליכער פאַלאַץ.
אומציילִיקע פאַרבנרייכע פענער האבן גיפלאַטערט איבער די דעכער. אַ שלל
פון קאלירטע טיכער און קינסטלער, גיוועבטע טעפיכער האבן איינגיהילט די
ווענט. מיט די פאַנטאַסטישע סימבאל־גימעָלן און אַלערליי נאַציאנאַלע הערב
זענין גיוועזן אויסגיצירט אַלע פענצטער און באַלקאנין. דער קיניגלעכע־ פאַלאַץ
טובלט זיך אין אַ ים פון פאַרבן און בילדער, וואָס סימבאַליזירט פערסיענס
הערשאפט איבער דער גרויסער צאָל פון פעלקער.
יעצט אַ בליק אינים פעסט־זאַל: רייך גידעקטע טישן, די בעסטע מאכלים, די
טייערסטע גיטראַנקין און די שענצטע כלים פון גאלד און זילבער. ביי די
טישן זענין פונאַנדערגיזעצט די חשובסטע פאַרשטייער פון אַלע לענדער, וואָס
אונטערליגן אחשורושת הערשאפט. דערביי פאַרנעמין אויך אָנ־אַנגיזעעָן ארט
זייערע שיינע און אַריסטאקראַ־ישע פרויען, וואָס זענין אויך איינגילאָדן גיווארן
צו דער קיניגלעכער פייערונג.
דאָס אויג ווערט גירייצט פונים זעלטינים גימיש. אזוי פיל טראַכטן. קאסטיו־
מין, קאפּ־טיכער און צייכינונגין! יעדיס פאלק האט דאָ אריינגיגעבן דעם סימ־
באל פון זיין נאציאנאַלער אָנגיהעריקייט. אַלץ איז דאָ פאַרטרעטן, קיינער
פעלט נישט אויף דער פעלקער־אויסשטעלונג וואָס רעפּרעזענטירט פערסיענס
גרויס־מאַכט.
די דערעפינונגס־צערעמאָניע האט זיך אָנגיהויבן. דער ארקעסטער שפילט אָפּ
דעם פערסישן הימן. אַלע שטעלן זיך אויף פון די ערטער און הערן זיך איין
מיט גרויס ערפורכט.
ס'הייבט זיך אָן דער סדר פון טאסטן און רעדיס. יעדער רעט אויף זיין
שפּראַך. ס'הערן זיך פאַרשידינע דיאַלעקטן און לשונות. ס'ווערן דעקלאַמירט
די שענצטע נאַציאנאַלע לידער. ספּעציעלע נומערן פון נאַציאנאַלער מוזיק
ווערן אויסגיפירט איינער נאָכן אנדערן, דערנאָך קומט די ריי אויף די איינג־
אַרטיקע פאלקס־טענץ. קיינער בלייבט דאָ נישט אונטערשטעליק. יעדער פאלקס־
פאַרשטייער האט אָרגאַניזירט און אהער גיבראַכט די בעסטע קונסט־קרעפטן.
נאָכן אפיציעלן פאַראַד הייבט זיך אָן די גימיטלעכע אונטערהאַלטונג. ווייטע
און נאָנטע, באַקאַנטע און פרעמדע פאַרפלעכטן זיך פון איין שמועס אינים
אַנדערן. איבער די מעלות פון זייער שטאָב, פאלק און לאַנד. די טאכטער פו
מדי רימט זיך איבער דער נייסטער סקולפטור־קונסט, וואָס אַנטוויקלט זיך אין
איר לאַנד. איר שכנטע, די אַטהענערין בלייבט איר אָבער נישט שולדיק. מיט
שטאַרקער באַגייסטערונג רעט זי וועגן דעם ריזיקן אַמפיטעאַטער, וואָס ווערט
ביי זיי אויפגיבויט. אין דעם שפרונגט אַריין די כאַלדעאירן, באַרימינדיק זיך
מיט די קאלאסאַלע בנינים, וואָס ווערן כסדר ביי זיי אויפגישטעלט. פאַרגינט
זיי אַלימין נישט די פעניציערן און פאַרוואַרפט זיי מיט גוזמאותדיקע שילדע־
רונגין פון זייער ריזיקן וועלט־האנדל. אזוי גייט אויך דער שמועס צווישן די
אַסיריער, אַרמעניער, אַראַבער און עגיפטיאנער. יעדער פרוּווט די צווייטע
איבערשטייגן מיט די שילדערונגין פון די פאַלאַצן און פיראַמידן, פון די טע־
אַטער־פאַרוויילונגין און אַלימפּישע שפּילן, פון די אַטלעטישע קאַמפן און מאַ־
לערישער קונסט. מ־האַלט זיך אין איין פאַרקאַנקורירן אינים אויפשטייג פון
דער אייגינער נאַציאַנאלער קולטור.
אין דעם אַלים פילט זיך אַ שטאַרקער נאַציאנאלער גייסט. די זעלבסט־ווירדיקע
האַלטונג, דער פעסטער שטאלץ, די צוגיבונדנקייט צום פאלק איז זיכער
אַ רעזולטאַט פון גוט גיפלעגטער דערציאונג. ביי דער גאַנצער אָנגיהעריקייט
צו דער פערסישער מלוכה, איז גיזונט גיבליבן דאָס גיפיל פאַר אייגנס, פאַר
נאַציאָנאַלער קולטור.
אבער אסתר, די קיניגין אַליין, די סימפּאַטישסטע און שענצטע פרוי אין דער
גיזעלשאַפט, זיצט צניעותדיק אין אַ זייט, שטיל און באַשיידן. איר נאַציאנאַלער
הימן ווערט נישט גיזונגין, איר קאסטיום איז איינפאַך, נעמט נישט קיין אנטייל

פעסא פראצעל

# יושר און אחדות

זה יתנו כל העובר על הפקודים מחצית השקל.

אייגנארטיק און ספעציפיש זענען אונדזערע ימים־טובים און אָנדענקונגס־טעג: יעדער יידישער יום־טוב האט זיך זיין באַזונדערן באַדייט, ציל און צוועק. און נישט בלויז די ימים־טובים — אפילו אונדזערע סתם מצוות און מנהגים זענען פאַרפלאָכטן מיט אַן אַ שיעור גידאַנקין, וואָס זאָגן און דערציילן אונדז זייער פיל.

וואָרן געמין מיר, למשל, פרשת שקלים, וואָס ווערט גיליייענט שבת פרשת משפטים. און פלוג, ווייזט זיך אויס, נישט קיין ספעציעלער יום־טוב — אבער דאך זענען דערמיט פאַרבאָרגן און דערין באַהאַלטן גאָר שיינע און גרויסע גידאַנקין.

אט זעען מיר: יעדער ייד, אַן אויסנאַם, און עלטער פון 20 יאָר און ווערט פאַרפליכטעט יאָר־יערלעך אָפּצוצאָלן אַ האַלבן שקל אַלס כפרה פאַר די חטאים. דאָס געלט ווערט באַנוצט צו די צרכי המשכן, אויף קרבנות פרה אדומה אא״וו. און ווען מיר באַטראַכטן זיך וועגן דעם דאָזיקן אַלגימיינים פאַלק־שטייער, דערוועקן זיך צוויי פראַגן:

פאַר וואָס איז דער אָפּצאָל גיוועָן אַן־איינהייטליכער פאַר אַלע יידן, אָן אונטערשיד פון שטאַנד און עשירות און צוויטנס, פאַר וואָס איז דער אָפּצאָל באַשטאַנען גראָד פון אַ האַלבן שקל.

דער מיין דערפון, זאָגן אונדזערע חכמים ז״ל, איז טאָקע דער:

ביי גאָט זענען אַלע שיכטן פון פאָלק גלייך, סיי אָרים סיי רייך. אַלימין פאַרפליכטעט איין גלייכער אָפּצאָל, כדי דער רייכער זאָל נישט קענען פאַרשעמען דעם אָרימאַן און זיך גרויסן, אַז זיין חלק איז גרעסער, ווי דעם צווייטן יידס, דעם אָרימאַנס, — און דער אָרימאַן ווידער, זאָל נישט זיין גיפאַלן ביי זיך, אַז זיין חלק איז אַ קלענערער פאַר רייכן יידס.

ביים רבונו־של־עולם, ביי תרומת ד׳, האָבן אַלע יידן איין גלייכן חלק; ביים „לכפר על נפשותיכם״, דער איינגנטליכער צוועק פון מחצית השקל־אָפּצאָל, זענען אַלע גלייך!

און ווייטער לערנט דאָס אונדז:

כל־זמן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק לעבט פאַראייניקט, צוזאַמין ווי איין מענטש, איז דער זכות הרבים זייער גרויס. ווען דאָס פאָלק ציילט זיך אבער נישט מער פאַר איין כלל, נאָר סאַר איינצלנע פרטים פונים כלל, און יעדער איינער וויל לעבן פאַר זיך בלויז, דעמלט איז ממילא קיין „זכות הרבים״ נישטאָ. יעדער באַזונדער ווערט גישטרויכלט און באַקומט זיין שטראָף. און כדי מתקן צו זיין דעם חטא פון יעדן יחיד, וואָס האַלט זיך באַזונדער, איז גיקומין דער באַפעל פון געבן אַ האַלבן שקל, און דאָס באַווייזט, אַז יעדער ייד אינדיווידועל פאַר זיך איז נישט מער ווי אַ האַלבער ייד און כדי אַ גאַנצן ייד צו שאַפן, מוז ער זיך מיט אַ צווייטן ייד פאַראייניקן. און אַזעלכיס מוז טאָקע זיין דאָס יידישע פאָלק: איין שטאַרק־פאַראייניקטער חיבור, און פעסט־גישמידטע קייט פון פאָלק־אחדות!

(מלבי״ם אויפן ארט)

צוויי מוסר־השכלן אַנטהאַלט אין זיך אַזוי־אַרום די מצווה פון די שקלים: גלייכהייט — יושרדיקייט און פאַראייניקט־איינהייטלעכקייט — אחדות די יסודות פון יידנטום און זיין תורה.

אויף יושר און אחדות שטיצט זיך דאָס גאַנצע יידישקייט, די גאַנצע תורת משה. גינוג, למשל, אַ בליק צו טון אין די עשרת הדברות און שוין זעען מיר, אַז די מצוות בין אָדם לחבירו פאַרפליכטן יעדן יידן צוגלייך מיט די מצוות בין אָדם למקום. די באַציאונגין פון מענטש צו מענטש מוזן תמיד זיין ווי די באַציאונג פון מענטש צו גאָט. נאָך די דברות פון „אָנכי״ און „לא יהיה לך״ קומין די דברות וועגן דער באַציאונג פון מענטש צו מענטש: „כבד״ „לא תרצח״, „לא תגנוב״ א. א. א.

און באַטראַכטנדיק דעם מהות פון די עשרת־הדברות, דעם מהות פון דער גאַנצער תורה איבערצייגן מיר זיך גלייך, אַז אַלע אונדזערע דינים, חוקים און משפטים פירן אויפן וועג פון אַחדות און גלייכקייט. אַזעלכיס איז דאָך יעדיס איינציקס גיזעץ באַזונדער אַפילו און — ווער איז דען בכלל אומשטאַנד איבערצוגעבן די אַלע הויכע רעיוגות, וואָס יעדער דין. יעדער גיזעץ איז אין זיך כולל — דאָס קען מען בלויז פילן, מרגיש־זיין, ווייל צו אָרים איז בכלל דערצו די מענטשלעכע פעדער און אַפילו דאָס מענטשלעכע לשון—דער יסוד־הסודות פון אַלימין איז אבער יושר און אַחדות, וואָס קומט אמבולטסטן צום אויסדרוק ביים „כופר נפש״ ביים „האַלבן שקל״...

## די בנות־מחנה אין לאָדזש

ביז כ׳ אָדר ווערט אָפּגישלאָסן די רשימה פאַר דער בנות־מחנה אין לאָדזש, עס וועלן קיין שום באַמיאונגין נישט העלפן אָנגינומין צו ווערן שפּעטער. אויך קענין אין קיין פאַל נישט גימאַכט ווערן קיין שום הנחות — אין די שטעט וואו די תרומת־חברה־אַקציע איז שוין דערלעדיקט ווערן צוגישיקט גינוי די באַדינגונגין אויף וועלכע מע קען אָנגינומין ווערן אין דער בנות־מחנה!

דערשיינט עס אונדז אַלס גאַנץ פאַסיק, די אויסבילדונג אַלס קינדערגערטנערין, לערערן, הויז־האַלטערן, קראַנקן־וואַרטערקע א. אַ. וו.

אבער אין אַלע פאַלן מוז מען אַכטונג, געבן אַז דער באַרוף זאָל נישט שטערן די קומינדיקע אייגנטלעכע לעבנס־אויפגאַבע אַלס יידישע פרוי און מוטער, נאָר להיפך ער זאָל די דאָזיקע אויפגאַבע מקדים זיין, אַזוי אַז עס זאָל נישט פאַרקומין קיין פאַרפרעמדונג פון דער אייגנאַרט און עס זאָל נישט אָנגיטון ווערן קיין גיוואַלט דער נאַטירלעכער דיספּאָזיציע.

ווען ס׳איז אויף דעם אַלץ גיטון געוואָרן מצד די עלטערן און מצד דער טאָכטער, צום צוועק פון אַ פאַרנונפטיקער צוגרייטונג פאַר די קומינדיקע לעבנס־אויפגאַבע פון אַ יידישער פרוי און מוטער און כדי אַלץ צו פאַרמיידן, וואָס וואָלט גיקאָנט שטערן די דערפילונג פון דער דאָזיקער אויפגאַבע, דעמלט דאַרף דער יידישער טאָכטער זיין באַוואוסט איר באַשטימונג און זי טאָר נישט אומנויטיק אָפּלייגן די צייט צו העלפן גרינדן אַ יידיש הויז. נאָכדעם ווי זי איז ביכולת די פראַגע „טויג איך דען אַליין״ מיט אַ ערלעכן יאָ צו פאַרענטפערן, דאַרף זי זיך בנוגע דעם פאַרגישטעלטן צוקונפטיקן שטעלן די פראַגע: וואָלט איך מיר דעם דאָזיקן גיקאָנט דאַנקן אַלס פאָטער פון אַ קינד. דערביי מוז מין נאַטירלעך אויספרואוון דעם כאַראַקטער, דאָס גיזונט, די רעליגיעזע אָנשויאונג, וועלט־אַנשויאונג, די פעאיקייט צום פאַרדינען און די מאָס פון צונייגונג, וואָרום איז דער יונג־פרוי, וועלכע אונטערוואַרפט זיך אין אַזאַ שווערער לאַגע דער עצה פון אירע ליבנדיקע עלטערן און וואָרום איז די עלטערן, וועלכע עס פאַרשטייען, פאַר דעם דערוואַקסינים קינד צו זיין אַ שטיצפונקט און אַן־אָנהאַלט!

איז דער יונגער מאַן און די יונג־פרוי מיט איין זינען, זיך איינצואָרדינען לויט די דערהויבינע, הייליקע גיזעצן פון דער תורה, דעמלט זענען די באַדינגונגין פולקאָם גישאַפן, ביי וועלכע מע זאָל דאָס הויז וואָס גייט זיך גרינדן, קאָנען שטעמפּלין אַלס הייליקטום, דעם היים צו פאַרוואַנדלן אין אַ גן־עדן, וואו מע פילט די וואָכידיקע דאגות ווי אַ גיווירץ פונים גליק.



ארכיון אסופות

הודפס מתוך הארכיון היהודי 

# גיקליבינע פערל

תורה־ווערטער, גידאנקן און אפאריזמין פון יידישע גרויסע מענטשן.

גיזאמלט פון
**א. שנור**
(נאכדרוק פארבאטן)

## פורים

### מגלת אסתר

א׳

ודתיהם שונות מכל עם.
זייער דת באשטייט, צו זיין אנדערש ווי יעדיס פאלק.

(רבי ר׳ בונם)

ב׳

גם אני ונערותי אצום כן.
צוליב וואס אסתר האט נישט גיקאנט פאסטן, מחמת המנס סעודה האט זי גיזאגט—וויסנדיק אז א צדיק קאן מיט אכילה ושתי׳ פועלן דאס זעלבע ווי מיט תעניתים — אצום כן, כ׳וועל אויכיט אזוי פאסטן.

(ד. ז.)

ג׳

למנצח על אילת השחר (תהילים)
אסתר איז גיגליכן צו די מארגן־איינדן (פרי־מארגן) וואס לייכט די ערשטע און פון איר ליכט שפראצט ארויס די זון. אזוי אסתר איז די ערשטע, די הערואלדן פון גאולה אין גלות.

(ירושלמי מגילה)

ד׳

אילת השחר.
די אילת השחר ווערט אנגירופן דער קאמעט נוגה, וועלכער לייכט דאן אויפן האריזאנט ווען ס-שפראצט ארויס דער מארגן-שטערן, דעמלט איז די פינצטער-סטע שעה אין נאכט צוליב טונקל-ווערן פון לבנה און נאך־נישט אויפגיין פרי־מארגן ס׳איז דעמלט זון־און לבנה־לאז, דעמלט לייכט די אילת השחר, צו וועלכן מיר גלייכן אסתר המלכה.

(רבי דוד ן׳ זכותא)

ה׳

אם — מוטער.
אינם דאזיקן ווארט זענין מרומז אלע גואלים פון יידישן פאלק. איניציאנילירן: אהרן משה מרים, אסתר מרדכי, אלי משיח, אלזא פון עבר און עתיד, אזוי ווי די חז״ל זאגן בזכות נשים צדקניות נגאלו, ועתידים להגאל.

(גיטייטשט לויטן אר״י הקדוש)

ו׳

רבש״ע — אם החרש תחרישי בעת הזאד — אויב וועסט שווייגן אויכיט אין די היינטיקע צייט און נישט אויסלייזן אונדז פונים גלות דאן — רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר — וועלן זיך יידן זוכן אנדערע פרנסות, איינער וועט ווערן א דאקטאר, א צווייטער — אן-אד־וואקאט — ואת — און דיין תורה פון א׳ ביז ת׳ — ובית אביך און די תפילה וואס די אבות האבן מתקן גיווען — יאבדו — חלילה, — ומי יודע אם לעת כזאת — אין די דאזיקע צייט ווען דו וועסט שוין וועלן אויסלייזן — הגעת למלכות — וועסטו קאנין זיין א מלך, דען אין מלך בלא עם.

(רבי דודל מטאלנא)

ז׳

איש לרעהו.
זיי מענטשלעך צו דיין חבר און זיי א חבר צו א מענטש.

(חרוזי פנינים)

ח׳

איש לרעהו ומתנות לאביונים.
זענין די איניציאלן פון אלול. אלול איניציאנילירט ווי באוואוסט דעם פסוק אני לדודי ודודי לי, ד. ה. אז די משלח מנות מוז זיין דורכגידרינגין מיט א סך אמתע אהבה, ערלעכע און הייליקע.

(ר׳ דוד ן׳ זכותא)

ט׳

פורים על שם הפור.
ווייל דער גורל ווענט זיך נישט אינים מענטשנס רצון, נאר אין אומבאשטימטס אין א פארים-לאזן אין נאמין־לאזן וועזן. א העכערע השגחה.

(אמרי אמת)

י׳

איש יהודי הי׳
דער מענטשליכער ייד איז תמיד מיט א לשון שמחה.

(חרוזי פנינים)

י״א

מר-דכי *
דער מדרש דרשינט מור־דכי דיינע גי־ווירצן, ווייל דער אמתער ייד דארף זיין גאנצע סביבה אנזאפן מיט זיין גייסט, ווי בשמים וואס פארפולן דעם גאנצן ארום.

(דארטן)

י״ב

את הדסה היא אסתר
מיט איר גלייך זיין צו הדסים איז זי גיווען באהאלטן.

(רבי ר׳ הירש)

י״ג

כי נפל פחד היהודים עליהם.
די יידן האבן ביים בארג סיני מקבל גיווען די תורה מיט יראה, גינייטערהייט ערשט פורים האבן זיי מקבל גיווען מיט אהבה. דער פחד פון די יידן, זייער יראה ביז הייגט, איז גיפאלן אויף זיי אויף די גרים.

(אמרי אמת)

י״ד

ודובר שלום לכל זרעו.
דיבור — איז א שטרענגער אויסדריק, ודובר — אפילו זיין אפיציעלקייט, זיין שטרענגער טאן איז גיווען אדורכגי־דרונגין מיט — שלום לכל זרעו, כ׳זאל די יידישע קינדער דערציען מיט שלמות, מיט שלום.

(חרוזי פנינים)

## פורים

א׳

יום כיפורים.
דער הייליקסטער טאג אין יאר איז ערשט ווי פורים, פורים איז אויף א גרעסערע מדרגה. ווען משיח וועט קו־מין וועלן אלע ימים-טובים בטל ווערן א חוץ פורים.

(זוהר הקדוש)

ב׳

אויפן זעלבן:
דער טעם וואס פורים איז גרעסער, דערפאר ווייל אין יום-הקדוש זענין די עינוים נאר פיזישע, קערפערלעכע. אבער פורים איז דער עינוי פון דעת, א גייס־טיקע עינוי, מוז זיין עד דלא ידע, פארכלינין, פארגעסן זיך. און פאר א מענטש איז דאס דער שרעקלעכסטער עינוי.

(חידושי הרי״מ)

ג׳

נאך א טעם:
צו ווייזן אז אכילה ושתי׳ מיט א סך צדקות, האט אין זיך די פעולה פון דעם גרעסטן תענית.

(ספרי חסידות)

(דאס איז דער פשט אצום כן. כ-וועל מאכן אזא תענית מיט אכילה ושתי׳, זע אויוון „מגילת אסתר״ ב׳:

(דער זאמלער)

ד׳

מע זאגט נישט הלל פורים, ווייל יידן האבן אויסגיהרגיט א סך פון זייערע שונאים און דער באשעפער פרייט זיך נישט מיט די מפלה פון רשעים.

(ר׳ דוד ק׳ זכותא).

ה׳

צוליבן זעלבן טעם זאגט מין נישט, נאר האלב הלל אין די אנדערע טעג פסח — ווייל דעמלט זענין די מצריים דערטרונ־קין גיווארן.

(ילקוט משלי קמ״ג ע״ג)

ו׳

פורים האט אין זיך אלע ימים טובים. פסח מעבדות לחירות. — שבועות — קבלת התורה (לויט חז״ל). ר״ה—כתיבה וחתימה לחיים א. אז. וו.

(רבי אלי׳ הכהן)

ז׳

חייב אדם לבסומי בפוריי.
בשם איז אן-אויסדרוק פון פארכליניט־קייט ופארשיכורינג, דעריבער מוז מין זאגן חייב אדם, דען פאר א מענטש איז עס א חיוב א מוז, אן־אפקומיניש.

(חרוזי פנינים)

ח׳

עד דלא ידע.
דער תכלית הידיעה איז — מ-זאל וויסן אז מ־איז אן-איננו יודע. דורך שמחה קאן דער מענטש זיך דערהייבן צום תכלית הידיעה פון לא ידע.

(דארטן)

ט׳

פאר וואס ס־מוז זיין דעת-לאז, דען מיט דעת קאן נישט זיין אויפריכטיקע שמחה, דען יוסף דעת יוסף מכאוב.

(דארטן)

י׳

דעת איז מוח, רחמים איז הארץ, און אויב מע ווייל האבן אמתע שמחה מוז מין זיין הארציק און נישט מוחדיק, דען מוח איז רעאליטעט וואס איז גאר נישט פרייליך.

(דארטן)

י״א

ואנכי אסתיר אסתיר פני.
פון דא איז גידרונגין אסתר מן התורה (ש״ס) דעריבער איז מין נוהג זיך צו פארשטעלן.

(זכר דוד)

י״ב

דער טעם פון משלוח מנות, איז ווייל מ-האט נאכאמאל מקבל גיווען די תורה, וואס איר כלל גדול איז ואהבת לרעך כמוך.

(דארטן)

י״ג

פורים איז אן־ערנצטער טאג, די משנה זאגט ישמע קול שופר או קול מגילה — אז זיי ביידע האבן א גלייכן דין, דען ווי דער קול שופר אזוי דער קול מגילה, ווייל פורים איז מתן תורה, וואס איז גיגעבן מיט קול שופר.

(רבי חיים וויטאל)

י״ד

ויעש אברהם משתה ביום הגמל.
הגמל די אותיות פון מגלה. דעמלט דארף מין צו מאכן ימי משתה ושמחה.

(רבי ר׳ ברוכל)

ט״ו

אדר איז מזל דגים, וואס זיי זענין פרים ורבים דערפאר הייסט פורים על שם הפור — אויף די פרוכטבארקייט.

(אזולאי)

## ג) מרבין בשמחה

א׳

פורים טוב — באטרעפט די צאל פון



הודפס מתוך הארכיון היהודי

שמחה אַרײַנרעכנדיק דאָס ווארט. (אמרי אמת)

ב׳

מתוך שמחה של מצוה.
דער תוך פון די מצווה איז—די שמחה.
(דער קאצקער)

ג׳

ווער ס-האט עַצבות איז דָבוק אינים שקר, און ווער ס־איז דבוק אין שמחה —איז כאטש מקושר צום אמת.
(דער אַלעקסאַנדער)

ד׳

תחת אשר לא עָבדת את ד׳ אלקיך בשמחה (תוכחה).
די גאַנצע תוכחה איז דאך נאר פאַר דעם, וואָס האט נישט אין זיך שמחה, דען ווער ס־פאַרמאָגט שמחה קאן נישט האָבן קיין תוכחה.
(דער זעלבער)

ה׳

שמחה זענין אותיות חמשה, ווײַל נאר מיט שמחה קאן מין מקיים זײַן חמשה חומשי תורה.
(רבי ר׳ בונם)

ו׳

ויין ישמח לבב אנוש
אַ מענטשלעך האַרץ קאן פילן שמחה נאר דורך ווײַן דען נכנס יין יצא סוד. מע רעט אַראָפּ זיך פונים האַרצן און דאָס איז שוין שמחה.
(רבי משה לייב)

ז׳

שמחה לאיש במענה פיו.
דער מענטש האט אײביק אין זײַן מויל גרײט דעם צווײַטן צו דערפרײען.
(חרוזי פנינים)

ח׳

ולישרי לב שמחה
שמחה איז נאר אין האַרץ, מוז מין פריער אויסגלײַכן ס-פאַרקרומטע האַרץ אַז ס-זאל זיך קאנין פרײען.
צו גלײַכע הערצער — קומט שמחה.
(גיטײַטשט לויט ר׳ נחמן מבראַצלאַוו)

ט׳

ויקח את שני נעָריו עמו ואת יצחק בנו.
מע קאן מתקן זײַן די יוגנט־יאָרן מיט צחק, מיט שמחה נאר אַ בינהדיקע, אַ אינטואיטיווע.
(לויטן בעל שם טוב)

י׳

כי בשמחה תֵצאו.
מיט שמחה גײט מין אַרויס פון אַלע צָרות.
(רבי ר׳ ברוכל)

י״א

עַצבות איז דאך נישט קײַן עבירה, אבער צו דעם טמטום הלב וואָס עצבות ברענגט, קען די גרעסטע עבירה נישט ברענגין. דאָס וואָס מיר רעדן שמחה, מײנען מיר נישט קײַן שמחה של מצווה דאָס איז דאך שוין אַ מַדרֵגה, נאר אַפי נישט קײַן עצבות, פָּשוט אַ ייִד גײט אַרום מיט שמחה דאָס וָער איז אַ ייִד, איז עָר אַ כפוי טובה דעם באַשעפער, איז אַ סימן אַז ר-האט קײַן מאָל נישט גימאַכט אַ בְרכה ווי מע דאַרף.
עצבות איז שאול תַחתית. וואָס איז עֶצם עצבות, עס קומט מיר, עס פעָלט מיר׳ אַלץ מיר — אַלץ — זיך.
דאָס אײדלסטע מרירות האט אַ נגיעה מיט עצבות און די גימײנסטע ׳שמחה וואַקסט פון קדושה.
(דער „ישמח ישראל״)

י״ב

ירננו על משכבותם.
זײ זינגין אפילו ווען זײ זענין צוגי־לײגט.
(רבי ר׳ בונם)

י״ג

אנכי אשמח בה׳
מיט מײַן גאַנצע אנכיות, פרײ איך מיך מיט ג—ט.
(רבי נחמן בראַצלאַווער)

י״ד

נכנס יין יָצא סוד)
ייִדישער סוד איז: ואהבתָ לרעך כמוך און דער סוד פון עֵשו: ועל חרבך תחי׳. דעריבער בײַם טרינקין ווערן ייִדן נאכמער פאַראײניקט און בײַ עשון שלאָגט מין זיך. *
(דער וואָרקער)

ט״ו

דער רָצון צו זײַן בשמחה — פירט צו אמתע שמחה.
(ר׳ נחמן בראַצלאַווער)

ט״ז

והי׳ אם שָכח—תִשכַח את ה׳ אלקיך—
אויב וועסט פאַרגעסן די מדה פון שמחה וועט עס דיך ברענגין צום פאַרגעסן אין באַשעפער צו כפירה.
(בעל שם טוב)

י״ז

מיטן זעלבן.
והי׳ אם שָמע — תשמע לקול ה׳ אלקיך אויב וועסט הארכן און זײַן בשמחה, וועסטו זוכה זײַן צו הערן דאָס קול פון די שכינה, דען די שכינה רוט נישט נאר אויף די פרײדיקע.
(חרוזי פנינים)

י״ח

ס-דאַרף אַ מענטש זיך צו שטאַרקן און זײַן בשמחה, סײַ אין די עַלי׳ סײַ אין ירידה און ווער ס־איז זיך בשעת ירידה נישט מתחַזק מיט שמחה, האט עָר זיך די ירידה כָשר פאַרדינט.
(סיפורי מעשיוֹת—ר׳ נחמן בראַצלאַווער)

י״ט

מיט שמחה — עפנט מין ס-האַרץ.
(רבי נחמן מבראַצלאַוו)

היוצר יחד לבם
דער באַשעפער פרײט זיך (פון לָשון ויחד יתרו) מיט אַ ייִדיש האַרץ.
(רבי ר׳ אלימלך מליזענסק)

כ״א

לחַיים באַטרעפט מנהג, און מנהג ברעכט אַ דין (מדת הדין).
(ד. ז.)

כ״ב

לחיים איז לחם — מזוני. צווײ ייִדן זע־נין — בָנים אַלזא: חיים בנים מזוני.
(דער קאמאַרנער)

כ״ג

שמחה לאיש במענה פיו
דער מענטש וואָס פײַניקט זײַן מויל, צו רעדן אַזאלכע ווערטער וואָס מע דאַרף נישט (פון לשון עינוי) דער קאן זוכה זײַן צו פרײד.
(רבי ר׳ מענדלע מקאסוב)

כ״ד

דאגה בלֵב איש — ישיחנה
די זארגן אין האַרצן פון מענטשן, זאל מין אונטערבײגן (פון לָשון שָחה לעפר) אונטערדריקן, פאַרכלינין.
(רבי ר׳ ברוכל)

כ״ה

אֵם הבנים — שמחה
די מוטער, די באַוועגערין, די גורמת צו אַלע בניָנים — אונטערנעמונגין — איז שמחה.
(לויטן קדושת לוי)

כ״ו

שוש — אָשיש בה׳
מײַן פרײד איז וואָס מיט מײַנע גוטע מַעשים — דערפרײ איך השי״ת.
(רבי ר׳ בער)

כ״ז

אָנכי — אשמח בד׳
מײַן גאַנצער „איך״ באַשטײט דערמלט ווען כ-בין בשמחה, דערמלט פיל איך מײַן וועזן.
(בעש״ט)

כ״ח

לא אָמות כי אחי׳.
אויב כ-לעב זאל איך נישט לעבן ווי אַ גישטאַרבינער.
(דער פאַריסאווער זצ״ל)

כ״ט

שהשמחה במעונות
לויט חסידות, דאַרף מין יעדע דָבר גשמי צו באַהעפטן מיטן שורש צ. ב. וויסנשאַפט צו דַעת, די געטלעכע מַדרגה דערפון. אַהבה צו רַחמים. קונסט שײנקײט — צו תפארת.
בײַ שמחה דאַרף דער מענטש גידענקין אַז דער שורש איז במעונו, איבערהויפט בײַ אַ שמחה גופנית. ס-איז צו דער־הײבן צום שורש פון געטליכקײט.
(בעל שם טוב).

ל׳

משנכנס אדר מרבין בשמחה.
מײנט מין נישט אַ שמחה של מצווה, וואָס איז אַ גאָר הויכע מדרגה, נאר אַפילו אַ פשוטע שמחה, דערהײבט שוין דעָם מענטש.
(רבי נחמן בראַצלאַווער)

ל״א

מרבין בשמחה
מיט שמחה קאן מין אַ סך אויפ־טון, אַ סך דערגרײַכן, נאר נישט פאַלן אין עצבות.
(חרוזי פנינים)

(ס ו ף)

# די הײַליקע תּורה

די הײַליקע תּורה, וואָס אונדז איז גיבליבן
פון תּורות און אַלטיטשקע צײַטן,
מיט פײַער האָט זי דער באַשעפער גישריבן
מיר וועלן זי קײַן מאָל נישט פאַרבײַטן.

מיר וועלן זי היטן, זי האַלטן בכָבוד
די תּורה וואָס גאָט האָט גיגעבן.
די רייד פון נביאים, דעם תהילים פון דָוד
דעם קוואַל פונים אײַביקן לעבן.

אליעזר שינדלער



ארכיון אסופות
הודפס מתוך הארכיון היהודי

ל. שיף

# מי זאת עולה

(מוקדש לקבוצי-הכשרה של בנות אגודת ישראל)

מי זאת עולה
מן הגולה
מתרפקת על דודה
בלבה נפשה ומאדה

מי זאת עולה
מן הגולה
בקול רנה וישועה
ותורת אמת בפיה

מי זאת עולה
מן הגולה
אמונה חרותה על דגלה
ושביבה נר לרגלה

מי זאת עולה
מן הגולה
וה"שלחן ערוך" בזרועותיה
לפלס דרך מעגלותיה

מי זאת עולה
מן הגולה
ורוממות אל בגרונה
עדי תפארת גאונה

מי זאת עולה
מן הגולה
ונפשה חולת אהבה
לציון בחרה לתאבה

מי זאת עולה
מן הגולה
ותט שכמה לסבול
יסורי ארץ ישראל

מי זאת עולה
מן הגולה
ובמיטב חלבה ודמה
תכסוף להשקות האדמה

מי זאת עולה
מן הגולה
ואת ומעדר בידה
לעבוד בשדי יהודה

מי זאת עולה
מן הגולה
להסיע מהר אבנים
לבנין—ללבון לבנים

מי זאת עולה
מן הגולה
לישר ערבה
ולבנות החרבה

מי זאת עולה
מן הגולה
לסול המסלה
ולקרב הגאולה

מי זאת עולה
מן הגולה
לפנות דרך אלקינו
ולהחיש עקבות משיחנו

מי זאת עולה
מן הגולה
לקומם בית מקדשנו
ולשכן שמו בתוכנו

ומי זאת עולה
מן הגולה
להרים נס לעמים:
מלך ה' לעולמים!

*

הן הנה
שרה, רבקה, חנה
הפלטה הנשארת לאל
אמונות בנות ישראל

הן הנה
מקטרת מר ולבונה
הפלטה הנשארת לאל
בנות אגודת ישראל

והן הנה
כעב תעופינה
שבות לציון ברננה
הפלטה הנשארת לאל
בנות אגודת ישראל
מוכשרות עולות ארצה ישראל!

# ארץ ישראל

## (גיקליבינע גידאנקין און אפאריזמין)

א'

וירשתם אותה, וישבתם בה

מיט וועלכן וועט איר ירשינין דאס לאנד? דורך באזעצן זיך דארט!

(קדושין כ"ו ע"א)

ב'

אברהם האט גירופן: יראה, (ה' יראה) מלכי צדק האט גירופן: שלם. זאגט דער באשעפער: איך רוף ירו — שלם. און דו ייד, זע ס-זאל זיין בשלמות

(בראשית רבה פנ"ו)

(ירושלמי כתובות כ"ד)

ג'

מלכי צדק

דער קעניג פון די שטאט וואו ס־דארף צו זיין דער מוסטער פון צדק — ירושלים, ווי דער נביא זאגט: צדק ילין בה.

(תוספתא כתובות)

ד'

מי נתן לשכוי בינה (אויב)

ווי דאס הינדל, ווען אירע הינאלעך זענין יינגטשיק נעמט עס זיי ארונטער אונטער די פליגל. קוים ווערן זיי גרעסער זאגט זי: גייט און אקערט מיט אייערע שנאבעלעך אין די מיסטן, זוכט אייך עסן.

אזוי ווען יידן זענין גיווען אין מדבר, האבן זיי גיהאט מן און א ברונעם. ווען זיי האבן באקומין ארץ־ישראל האט מען זיי גיזאגט: אקערט און זייט, פלאנצט און שניידט, ווי ס־שטייט: ונטעתם כל עץ מאכל

(ויקרא רבה כ"ה)

ה'

כל עץ מאכל. *

אר צו עסן און נישט צום האזדלין דען דאס לעבן אין אונדזער הייליק לאנד דארף צו זיין באשיידן, נישט מער ווי ס־איז נייטיק

(ש"ס — עוללות אפרים)

ו'

טוב חרבה ושלוה בה

זאגט ר' יוחנן: בעסער טרוקן ברויט אין ארץ־ישראל וואו ס־איז שלום, איידער אנגישטאפטע הענער אין גלות מיט הארץ-קלאפיניש

(ירושלמי פיאה)

ז'

ארץ אשר אבני' ברזל

דער זכות פון גאולה איז נאר צוליב די נשים צדקניות, און לויט מקובלים פון יעקבס הויז (בית-יעקב) ארץ אשר אבני' — וואס זיין אבן-היסוד, זיינע גרונד-שטיינער זענין ברזל — די אייני־ציאלן פון יעקבס פאמיליע רחל. לאה, בלהה זלפה

(האר"י הקדוש)

ח'

אחת שאלתי מאת ה' (תהילים)

דוד המלך האט גיבעטן דריי זאכן וואס זייערע איניציאלן זענין אחת — ארץ־ישראל, חיים, תורה.

(דער זעלבער)

ט'

כי בחר ה' בציון. אוה למושב לו (דארט)

היינט איז דער שם הוי' נישט בשלמות כי יד על כס י'. פעלן די אותיות א. פון כסא (כס) און ו, ה, פון שם.

י'

ווען השי"ת וועט זיין אין ציון, וועלן די אותיות א. ע. ה. אריינגיזעצט. איינגיפאסט ווערן אויף זייער ארט און אליס וועט זיין בשלמות.

(רבי חיים וויטאל)

י"א

רני ושמחי בת ציון

פריי דיך ציון-טאכטער, כי הנני בא ושכנתי — בתוכך — דען די שכינה וועט רוען אין דיר, און די שכינה רוט נישט נאר אויף פריידיקע

(אזולאי)

י"ב

בת ציון

ווקל ווי א טאכטער, א יידישע צנועה וואס פארלאזט נישט דעם פאטער הויז אין אירע מיידל-יארן, אזוי וועלן די כנסת־ישראל נישט אוועקגיין פון זייער לאנד.

(מפרשים)

י"ג

איך נשיר את שיר — ווי אזוי קאנין מיר עפיס זינגין, אין דער צייט ווען — ה' על אדמת נכר די שכינה איז אין גלות.

(דער ראפשיצער זצ"ל)

י"ד

חנם נמכרתם ולא בכסף תגאלו

פאר די זינד פון שנאת חנם זענט איר פארקויפט גיווארן אין גלות און נישט מים בלויז כיסופין, גלוסטונגין וועט איר אויסגילייזט ווערן, נאר דורך אהבה מיט מעשים.

(חיד"א)

ט"ו

והי' כי תבאו אל הארץ

מיט שמחה זאלט איר קומין קיין ארץ-ישראל, מיט פיל אפטימיזם. גלטבן אין בטחון

(חרוזי פנינים)

ארכיון אסופות



הודפס מתוך הארכיון היהודי

# דער וועג עולה צו זיין...

## (איינדרוקן פון אַ באַזוך אין דער מחנה פון „בנות" אין וואַרשע—פּאָוואָנזעק)

קיבוץ-הכשרה ביי בנות-אגודת-ישראל.

אַזוי איז דער נאָמען פון דער בנות-הכשרה, וואָס אין דער הויפּט-שטאָט, וואַרשע אויף פּאָוואָנזעק, פאַר אַלע מינים ניי-אַרבּיט — און אַזוי שטייט עס אויפגעשריבן מיט אויסגעשטריקטע אותיות אויף די מלבּושים פון דער סעקרעטאַרן און דער ווירטשאַפטלערן פון דער מחנה.

„הכשרה-מחנה" — אַזוי הייסט עס ווי' דער אָפיציעל.

און צו דעם קומט נאָך צו אויסגעהאַפטן מיט ווייַדינע פעדים — דער רוימישער ציפער I (איינס).

דאָס באַטייט — אַזוי האָט מען מיר אויסגעטייטשט — אַז די הכשרה אין פּאָוואָנזעק איז די ערשטע פרויען-הכשרה פון אגודת-ישראל. און צו דעם זענען „כּולא עלמא מודים" די גאַנצע וועלט איז מודה, אפילו די סאַמע „מלאַ-חערי"... (דאָס איז נישט קיין קליינ-קייט — „מלאַווע" איז געוואָרן אַ שם-נרדף פאַר פּיאָנערנטום אויפן א"י-געביט ביי אונדז.

איז עס שוין ממילא — היסטאָריע... בין איך דאָרטן געווען איין מאָל און א צווייט [illegible]

ס'איז געווען [illegible] ספּעציעלע כוונה. אויב מע זעט אַ זאַך דאָס ערשטע מאָל און דערצו אַ זאַך פאַר וועלכע מ-איז פון פאַראויס באַגייסטערט געשטימט — זעט מען נאָר דעם אויבנאויפיקן גלאַנץ, דאָס אַלגעמיינע, די זאַך אינגאַנצן גי-נומען אַזוי ווי זי וואַרפט זיך אין די אויגן מיט אירע דרויסן-דערשיינונגען; מע קען אָבער נישט אַריינדרינגען אין די פּרטים, דערזען די קליינלעכקייטן, דאָס טאָג-טעגלעכע — וואָס איז גראָד דאָס חיכטיקסטע ביי אַזאַלכע שטייגער מוסדות.

און איך האָב געוואָלט זען — ביידע. דאָס גאַנצע — און די פּרטים.

און אַז מיר זענען אַריין אין שטוב — האָבן מיר געטראָפן אַלע זיצן ביי אַ לעקציע לשון-קודש.

די לעקציע ווערט געפירט דורך די דירעודיקע „ראש-הקיבוץ", אַ בית-יעקב-לערערן, וואָס שטאַמט פון באַלשעוויסטישן רוסלאַנד און איז אַדורכגעקומען מיט רבישן יחוס. און זי ווידמעט זיך די אַרבּעט מיט נשמה-ברען.

זי איז דאָ דער לעבעדיקער גייסט. די איניציאַטאָרן פון דער קבוצה—„דער ראש-הקיבוץ".

פאַרבראַנגט דאָרט אַ סך שעהן און האָט אַ וואַכזאַם אויג אויף אַלים.

אויך אַנדערע ב"י-לערערנס גיבן דאָ פון צייט צו צייט פאַרשיידינע לעקציעס און שיחות.

מע לערנט ישעיהו, תהילים, חומש מיטן מלבּי"ם, שירי ר' יהודה הלוי און מע פאַרטיפט זיך.



מע ווייסט אַז מע שטייט פאַר ערנצטע אויפגאַבן און מע מוז זיך צוגרייטן, אָנגורטן מיט באַוואוסטזיין.

און דער „ראש-הקיבוץ" — ערקלערט אונדז מיט פייער אַזוי צו זאָגן:

— איר פאַרשטייט... אַרטיקלען פון צייטונגען נישט זיי קענען געבן חיבת-הארץ און נישט זיי קאַנען געבן אַ באַגריף וועגן קדושת-הארץ, אַזוי ווי ס-קען עס געבן איין פסוק פון חומש.

אַז משה רבינו זאָגט: איך וועל אויפגיין און-וען...

„אעברה נא ואראה".

איר פאַרשטייט ווי דאָס רעט צום הארץ.

אַזוי ווי ס-קען עס געבן איין שורה פון ר' יהודה הלוי

„דאָס לאַנד—דאָרט וואו די שכינה רוט...

„מקום שם השכינה שכונה".

דאָס רעט צו דער נשמה, דאָס לאָזט איבער אַ רושם.

איך קוק מיך צו צו די חברות. זיי זיצן איצט שוין אַלע ביי דער מאַשין. זיי זענען צוגעבונדן צו דער אַרבּיט. און זיי זענען אַלע לוסטיק געשטימט און אויפגעלייגט זיי זענען הייבט געווען אויף אַן-אויספלוג אין אַ פרויען-הכשרה-קיבוץ פון וויז"א — דערציילט איין מיידל — נו, האָט מען זיי אַלע געטראָפן זיצן בּיים אויוון. זיי זענען אַזוי צוגעלייגט, כּאַטיש „געפרוירן" — דאָרט פעלט — זאָגט דאָס מיידל מיט איבערצייגונג — נשמה...

כ'האָב זיך גענומען אַרומקוקן אויף די ווענט כ-האַלט, אַז בשעתן לייענען אַ צייטונג— קאָן מען מער אויסלייענען פון אַ ווייטיקן אַנאַנס, ווי פון אַ לייט-אַרטיקל.

דאָס ווייטיקע זאָגט אַ סך.

אין אויגן פאַלן מיר אויפשריפטן אויף די ווענט אַרום. צווישן די סקאַרבּאָווע פסוקים:

שאלו שלום ירושלים (פאַזיערט דעם פרידן פון ירושלים).

יגיע כפיך, כי תאכל (וועסט עסן די אַרבּיט פון דיינע הענט).

פאַלן מיר אויכעט אין אויג צוויי אויפשריפטן פון אייגענע תוצרה.

שטייט דאָרט געשריבן אַזוי צו זאָגן:

המשמעת היא הדרגה הראשונה - לעליה. (געהאָרכזאַמקייט איז די ערשטע מדרגה צו עליה).

און —

החרדיות לתורתנו, המשמעת והמסירות מלה הם יסודות קבוצנו (די צוגעבונדנקייט צו דער תורה־דיסציפּלין און אי־בערגעגעבנקייט—אָט דאָס זענען די יסודות פון אונדזער קיבוץ). ווי האַלט עס טאַקע דאָ, מיט אָט די יסודות?

איך פרעג זיך אויס די געשיכטע פון דער דאָזיקער איניציאַטיוו.

— וואָס איז דאָ צו דערציילן? ענט- פערט מען פשוט.

די יוגנט איז אַרומגעכאַפּט מיט ארץ ישראל-שטימונג. מע קען עס אָנרופן „פּסיכאָז", אָדער ווי עמיצער ווי- ס-בלייבט אָבער אַ פאַקט. די יוגנט לויט די אַרבּיט, די יוגנט בענקט בכלל צו אַזאַ לעבן — און דאָס ווינקט פון הי- ליקן לאַנד.

איז עס תחילת געווען — אַ געוואַגטע פּרוואו בנות־הכשרה. מ-האָט גיקלאָ- ביי פאַרשידינע טירן, גיזוכט מי- הילף.

אָבער אויסהאַלטן האַלט מען זיך און עד היום, מיט אייגענע כּוחות.

די אויפזיכט האָט די בנות-צענטראַ- אין לאָדזש, וואָס גיט אַכטונג אַז עלימענטן וואָס קומען דאָ אַהער אונדז זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו די גרוי- אויפגאַבן, וואָס שטייען אונדז פאַר און אַזאַלכע עלעמענטן האָבן מיר אַ- מיר האָבן דאָ בנות-פירערנס, אינטע- גענטע כּוחות — וואָס זענען דאָ אַהער געקומען געטריבן אויסשליסלעך פון אַנ- דעאַל פאַר אַ תורהדיק לעבן אין ארץ ישראל. פאַראַן אפילו עטלעכע אַזאַ- מיידלעך, וואָסהאָבן בכלל נישט קיין אַ- טיש פאַך אין זיי באַקומען געלט פון ה- היים — וואָס גייט אַריין אין ד- בשותפותדיקער קאַסע.



הודפס מתוך הארכיון היהודי

# גיט ארביט און באשעפטיקונג אונדזערע רעליגיעזע שוועסטער!

## אפעל צו דער ארטאדאקסישער גיזעלשאפט!

די דחקות און נויט, וואס פארכאפט טאג אויף טאג אלץ ברייטערע קרייזן פון דער יידישער באפעלקערונג טרעפט אויך זער שווער און מוראדיק דער יידישער רעליגיעזער טאכטער.

דער פרנסה־קריזיס און די שרעקלעכע ירידה פון דער יידישער עקאנאמיק האט שוין פון לאנג אוממעגלעך גימאכט דעם גרעסטן רוב פון די יידישע דערוואקסינע טעכטער צו קענען אויסגיהאלטן ווערן פון זייערע עלטערן. טויזנטער יידישע רעליגיעזע מיידלעך מוזן זיך אליין פארדינען אויף זייער ברויט, פון די קליינע שטעטלעך וואנדערן אויס אין די הונדערטער אין גרויסע שטעט צו גיפונין ארביט און באשעפטיקונג, כדי צו קענין זיך מפרנס זיין בכבוד.

אויף די אלע נויט־ליידנדע און באשעפטיקונגס־לאזע יידישע מיידלעך, לאקערן פארשידינע נעצן, ס־גיבן זיך אן אלס זייערע אפוטרופסים פארטייען מכל המינים, און ליידער אפילו דעמאראליזירנדע עלימענטן און נאר יחידות טוען ביישטיין דעם שווערן נסיון צו הונגערן און בלייבן ביי זייער רעליגיעזיטעט און יידישקייט.

לעצטנס א דאנק די גישאפינע פארמיטלונג־שטעלעס ביי די בנות־ארגאניזאציעס אין גרעסערע שטעט, ווערט דער עקאנאמישער מצב פון די יידישע רעליגיעזע טעכטער א ביסל גילינדערט און עס איז אונדזער הייליקער חוב די דאזיקע ארביט פארטצוזעצן מיט די ענערגישסטע כוחות און ברייטסטער מיטהילף.

**מיר ווענדן זיך דעריבער צו אלע גישעפט־ און ארביט־אונטערנעמונגען, וואס זעבין אין די הענט פון ארטאדאקסישע בעלי־בתים, ווי אויך צו אלע יידישע בעל־ביתטעס, וואס נייטיקן זיך אין וועלכע עס איז מענטשן צו באשעפטיקן, צוצונעמען נאר חברות פון בנות־אגודת־ישראל.**

צווישן די בנות־חברות גיפונין זיך אלערליי קרעפטן אויף ארביט און באשעפטיקונג קוואליפיצירטע ארביטערנס פון פארשידינע פאכן, דערונטער אויך רוטינירטע בוכהאלטערקיס, גישעפטס־פירערנס, דערציערנס און סתם פעאיקע ארביטזאמע מיידלעך, וואס ווילן זיך אפגעבן יעדער ארט ארביט.

מיר אפעלירן צו דער גאנצער ארטאדאקסישער גיזעלשאפט צו קומין צו הילף די שטאלצע רעליגיעזע יידישע טעכטער און ווען עס ווענט זיך צו אייך א יידישע טאכטער מיט איר בנות־דאקומענט, א תרומת־חברה, גיט איר ארביט און באשעפטיקונג.

ארכיון תקופות
הארכיון היהודי

ווענט אייך אין יעדן ארט אין די פארמיטלונגס־שטעלעס ביי די בנות־אגודת־ישראל ארגניזאציעס און פאדערט צו יעדער ארביט און באשעפטיקונג נאר חברות פון בנות־אגודת־ישראל.

איר קענט זיך אויך ווענדן אין דעם הויפט־ביורע פון די פארמיטלונגס־שטעלעס ביי דער בנות־צענטראלע אין לאדזש.

**גידענקט אייער חוב צו העלפן די בנות־ישראל, וואס זעניז גיטריי צום אלוקי־ישראל!**

# צענטראלע „בנות־אגודת־ישראל“ אין פוילן

לאדזש, טבת תרצ״ד.

## אדרעסן פון אונדזערע פארמיטלונגס־שטעלעס:

| | | |
|---|---|---|
| הויפט־ביורא—צענטראלע „בנות“ לאדזש, קילינסקי 44 | „בנות“ אין קראקא — אגוסטיאנסקא 30 | „בנות“ אין קיעלץ — פיעטרקאווער 29 |
| לאקאלע „בנות“ אין לאדזש — פאלודניאווא 20 | „בנות“ אין ווילנע — מאלאדטארטאקי 14 | „בנות“ אין בענדין — ריבנא 5 |
| „בנות“ אין ווארשע — טווארדע 35 | „בנות“ אין לעמבערג — בראיעראווסקא 20 | „בנות“ אין סאסנאוויעץ — טשיסטא 9 |
| „בנות—מתנה אין ווארשא — מלאצינסקא 13 | „בנות“ אין לובלין — לעווערטאווער—גאס 7 | „בנות“ אין ביאליסטאק — קאלושינסקא 15 |

אינם הויפט־ביורא אין לאדז קען מען זיך אויך ווענדן שריפטלעך, נאר עס מוז זיין בייגילייגט א מארקע אויף ענטפער.

די ארגאניזאציעס וואס ווילן באקומין צוגישיקט א גרעסערע צאל די דאזיקע אויפרופן צופארשפרייטן, דארפן זיי זיך דערוועגן ווענדן אין אונדזער הויפט־ביורע.

אדרעס פון דער בנות־צענטראלע פאר בריוו: Centrala „Bnos“ Łódź, skrz. poczt. 146

הודפס מתוך הארכיון היהודי

